# אויך אין טעג פֿון שׂימחה געדענק אין די טעג פֿון טרויער

# יזכּור, 2002

רעדע געהאַלטן פֿון דוד־הירש ראָסקעס אויף דער אַקאַדעמיע צום אָנדענקטאָג פֿון חורבן און גבֿורה, תּל־אָבֿיבֿ, אַפּריל 8, 2002




**פֿאַראַן** אַ מינהג בײַ אונדז ייִדן, אַז פֿיר מאָל אַ יאָר, ווען מע שטעלט זיך אַוועק זאָגן יזכּור – שבֿיעי־של־פּסח, שבֿועות, שמיני־עצרת און יום־כּיפּור – שיקט מען אַלע קינדער אַרויס פֿון שיל, נאָך איידער מע הייבט אָן. טאַטע־מאַמע, משמעות, האָבן מורא פֿאַר אַן עין־הרע. כּל־זמן זיי לעבן, טאָרן די קינדער זייערע אַפֿילו ניט הערן ווי מע זאָגט יזכּור.

מײַנע פֿרײַדענקערישע עלטערן האָבן ניט געהאַלטן פֿון אַזעלכע זאַבאָבאָנעס. אונדז קינדער האָט מען יום־כּיפּור צו יזכּור **ניט** אַרויסגעשיקט פֿון דער „עדת־ישׂראל"־שיל, און וואָס שייך די איבעריקע 3 מאָל אין יאָר – שבֿיעי־של־פּסח, שבֿועות, שמיני־עצרת – האָט מען זיך אין גאַנצן פֿאַרשפּאָרט צו גיין. פֿאַר וואָס? ווײַל במילא איז דער לוח געוואָרן אָנגעפּילט מיט יזכּור־אַקאַדעמיעס, און אויף אָט די אַזכּרות האָט מען ניט מורא געהאַט מיטצונעמען די קינדער.

ווי באַלד מײַנע עלטערן האָבן געשטאַמט פֿון צוויי באַזונדערע שטעט – דער טאַטע פֿון ביאַליסטאָק און די מאַמע פֿון ווילנע, פֿלעגט מען מיך מיטנעמען – אַלע אויגוסט צו די ביאַליסטאָקער, און אַלע סעפּטעמבער צו די ווילנער. שפּעטער האָבן ביידע לאַנדסמאַנשאַפֿטן זיך פֿאַראייניקט אין „נוסח־ווילנע" (די ווילנער, מיט זייער געוואַלדיקער עקשנות און טרײַשאַפֿט, טרעפֿן זיך עד־היום).

דער עיקרדיקער חודש פֿון יאָר ווען מען איז געגאַנגען אויף יזכּור־אַקאַדעמיעס איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען דער חודש אַפּריל. אין אַפּריל פֿלעגט אַ קינד ווי איך גיין 3 מאָל. צום אַלעם ערשטן, אין דער ייִדישער פֿאָלקשול, וווּ כ'האָב זיך געלערנט. איין מאָל, געדענק איך, ווי שלמה ווײַסמאַן, דער פּרינציפּאַל פֿון דער שול, האָט צו אונדז גערעדט, אַזוי צו זאָגן:

– קינדער! זאָל איטלעכער פֿון אײַך אַ קוק טאָן אויף רעכטס און אַ קוק טאָן אויף לינקס. איינער פֿון אײַך, קינדער, איז אומגעקומען אין אייראָפּע בעת דעם לעצטן חורבן.

אין אַפּריל פֿלעגט גאַנץ מאָנטרעאָל זיך צוזאַמענקומען אין אַ גרויסער שיל, געוויינטלעך דער ספֿרדישער, צו באַוויינען דעם חורבן. צו ליכטצינדן, פֿלעגן קינדער פֿון די טאָגשולן אָנצינדן די 6 יזכּור־ליכט. מיר איז אָבער קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן צווישן זיי. די קהילה אונדזערע האָט ניט געשפּאָרט קיין געלט. דער גרעסטער חזן אין מאָנטרעאָל פֿלעגט זאָגן דעם „מלא", און די גרעסטע שרײַבער פֿלעגט מען אַראָפּברענגען פֿון ניו־יאָרק: יעקבֿ גלאַטשטיין, חיים גראַדע,

שאַיעשי, חיהשי, גאָלדעשי
מענדעלעך, גענענדלעך, מינדעלעך
כ'צייל אין דער נאַכט אין דער שלאָפֿלאָזער
נעמען פֿון ייִדישע קינדערלעך.

ווי שרײַבט מען אָן אַ ליד וואָס באַשטייט אין גאַנצן פֿון נעמען?

אין אַ דריט מאָל, בײַ די בונדיסטן, האָט אבא איגעלפֿעלד, פֿון וואַרשע, רעציטירט זייער אַ לאַנג ליד פֿון איינעם אַ פּאָעט שׂימחה־בונעם שאַיעוויטש. דאָס ליד האָט געהייסן „לך־לך". כ'האָב באַלד פֿאַרשטאַנען אַז דאָס ליד קערט זיך אָן מיט אַבֿרהם אָבֿינו, כ'האָב אָבער ניט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי אַ טאַטע אין לאָדזשער געטאָ קען רעדן אַזוי שטיל, אַזוי געגראַמט, צו זײַן טעכטערל בלימעלע, בעת מע גרייט זיך אין וועג אַרײַן – ניט צום געבענטשטן לאַנד וואָס גאָט האָט אונדז פֿאַרזאָגט, נײַערט צו גיין אויף אומקום.

און איין מאָל, אויף דער ווילנער אַזכּרה, איז אויפֿגעשטאַנען טבֿיה שערעס צו דערציילן וועגן דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ. ווי קומט עפּעס טבֿיה שערעס, וואָס ער פֿירט געשעפֿטן מיטן טאַטן, צו זײַן אַ רעדנער? און רעדן רעדט ער טאַקע ניט ווי אַ רעדנער. ער רעדט פּראָסט און פּשוט. ער דערציילט ווי אַזוי ער'ט זיך געלערנט שיסן אין ווילנער באָד, צו איין שאָס פֿאַר איטלעכן קעמפֿער, אויס מאַנגל פֿון קוילן, און שפּעטער, ווי אַזוי די געטאָ־פּאָליציי האָט אַרעסטירט וויטענבערגן, דעם קאָמענדאַנט פֿון פֿפּ"אָ, און די

שטאַנד, זײַנען זיי אויסן דערמיט אַ פּראָטעסט קעגן דער פֿאַרגעסעניש. זאָל דער 19טער אַפּריל בלײַבן אייביק אײַנגעקריצט אינעם פֿאָלק־זכּרון. זאָל מען ניט פּראַוועון קיין שׂימחות בײַ ייִדן דעם 19טן אַפּריל!

4. וויינען איז געזונט. דאָקטוירים הייסן וויינען, אי בײַם זאָגן יזכּור אין שיל, און אַוודאי בײַם זאָגן יזכּור נאָך די 6 מיליאָן. אַחוץ מיט טרערן, וואָס דערלײַכטערן די נשמה, ווערט דער נײַער יזכּור באַגלייט פֿון עפּעס שטאַרקער און שווערער: פֿון אַ פּראָטעסט קעגן גאָט, אַפֿילו ווען מע גלייבט ניט אין גאָט.

פֿאַר דערפֿאַר, אין זײַן גרויס **ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק** ווענדט זיך קאַצענעלסאָן ווידער און אָבער אַ מאָל צו די הימלען. ניט נאָר איז דער הימל דער אַדרעסאַנט פֿון אַלע הימלישע פֿאַרלאַנגען. בײַם פּאָעט, איז דער הימל דער אַדרעס פֿון גאָט, דער גאָט וואָס האָט געשוויגן, בעת זײַן אויסדערוויילט פֿאָלק איז אומגעקומען. זאָלן זיי, די שטומע, בלינדע הימלען, זיך עפֿענען אַצינדערט, און אָפּנעמען צוריק זייער געקרייציקט פֿאָלק!

וועמען דען זאָל דער געטאָ־פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער אָנפֿאַרטרויען זײַן גאַנץ פֿאַרמעג, ווען ניט גאָט, ווײַל במילא האָט דער פּאָעט זיך מייאש געווען פֿון דער מענטשהייט.

5. אינעם אַלטן יזכּור, דערמאָנט מען די אַלע וואָס זענען אומגעקומען על קידוש־השם מיטן זעלבן סקאַרבאָוון נוסח. אויף דער נײַער אַזכּרה, דערמאָנען מיר די ייִדישע גבֿורה אויך. מיר געדענקען די וואָס זענען געפֿאַלן אין קאַמף.

דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט,
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

שטעלט זיך אָבער די פֿראַגע: וואָס פֿאַר אַ שײַכות איז פֿאַראַן צווישן קאַמף און געזאַנג, צווישן לידער אין מויל און נאַגאַנעס אין די הענט? ווי אַזוי איז דער פֿיזישער ווידערשטאַנד פֿאַרבונדן מיטן גײַסטיקן?

ווי אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער עונג־שבת־אַרכיוו אין וואַרשעווער געטאָ, מיט עמנואל רינגעלבלום בראָש, געדינט די אינטערעסן פֿון דער גאַנצער אונטערערדישער באַוועגונג? פֿאַר וואָס, אַ שטייגער, האָבן די יונגע קעמפֿערס פֿון דרור־החלוץ־אַנטעק צוקערמאַן, צבֿיה ליובעטקין, מרדכי טענענבוים־טמרוף, אַדאָפּטירט דעם מיטליעריקן העברעיִש־ייִדישן פּאָעט, יצחק קאַצענעלסאָן? פֿאַר וואָס, אַ שטייגער, האָט אַ גרויסער טייל פֿון ראַ־

קינדער פֿון די טאָגשולן [illegible]
מיר איז אָבער קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן צווישן זיי. די קהילה אונדזערע האָט ניט געשפּאָרט קיין געלט. דער גרעסטער חזן אין מאָנטרעאַל פֿלעגט זאָגן דעם „מלא", און די גרעסטע שרײַבער פֿלעגט מען אַראָפּברענגען פֿון ניו־יאָרק: יעקבֿ גלאַטשטיין, חיים גראַדע, מרדכי שטריגלער. ווי שיין זיי האָבן גערעדט!

בלויז די בונדיסטן האָבן געמאַכט „יזכּור" פֿאַר־זיך. זיי האָבן זיך אײַנגעעקשנט צו באַשטימען די יזכּור־אַקאַדעמיע אויפֿן 19טן אַפּריל; זיי האָבן זי דורכגעפֿירט אַפֿילו ווען ס'איז אויסגעפֿאַלן צום ערשטן אָדער צווייטן סדר.

פֿלעג איך גיין אויף יזכּור־אַקאַדעמיעס אין אויגוסט, סעפּטעמבער און אַפּריל, און דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען ווי דערוואַקסענע מענטשן וויינען. צו „יזכּור" אין דער „עדת־ישׂראל"־שיל, האָט דער רבֿ, ראַבײַ בענדער, געאַסרט צו וויינען. די פֿרויען האָבן פּראָטעסטירט. ס'האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפֿן. און אָט אויף דער אזכּרה זע איך ווי אַ מענטש האַלט אין מיטן דערציילן אַ מעשׂה־שהיה וועגן געטאָ, וועגן וואַלד, וועגן לאַגער, און צעוויינט זיך. ער שעמט זיך גאָרניט!

ניט אַלץ האָב איך פֿאַרשטאַנען. צו מאָל פֿלעגט מען רעציטירן אומבאַקאַנטע לידער, פֿול מיט שווערע ווערטער.

וואָס אַזוינס איז דער „אומשלאַג", למשל, וואָס פֿון אים האָט מען געפֿירט ייִדן צום טויט, טאָג־אײַן, טאָג־אויס, פֿריִער צו 5, דערנאָך צו 10 טויזנט אַ טאָג? און פֿאַר וואָס שרײַבט דער פּאָעט קאַצענעלסאָן אַזעלכע לאַנגע, קאָמפּליצירטע שורות?

און אָט שטעלט אַ זינגערין זיך אויף – מײַן חבֿרטע ברײַנדל וואַסערמאַן, – און זינגט אַ פּרעכטיק ליד פֿון אבֿרהם סוצקעווער, געשריבן אין ווילנער געטאָ. און כאָטש די ווערטער זענען אַזוי דורכזעיִק ווי די מעלאָדיע, פֿאַרשטיי איך ניט די ווענדונג צו גאָט:

און איך וויל דאָך, גאָט געטרײַער,
דיר פֿאַרטרויען מײַן פֿאַרמעג
ווײַל עס מאָנט אין מיר אַ פֿײַער
און אין פֿײַער – מײַנע טעג.

אויב זײַנע טעג ווערן פֿאַרברענט, וואָס־זשע בלײַבט אים צו שענקען גאָט?

אַ צווייט מאָל, אויף דער גרויסער מאָנטרעאַלער אַזכּרה, האָט מײַן חבֿרטע רייזל פֿישמאַן פֿון די פּרץ־שולן רעציטירט אַ ליד פֿון אַהרן צײַטלין, אַ ליד וואָס איז באַשטאַנען אין גאַנצן נאָר פֿון נעמען:

בלימעשי, טויבעשי, ריוועלע
לאהניו, פֿייגעניו, פּערעלע
כאַצקעלע, מאָטעלע, קיוועלע
הערשעלע, לייבעלע, בערעלע

## דער אַקאַדעמיע צום אָנדענקטאָג פֿון חורבן און גבֿורה, תּל־אָבֿיבֿ, אַפּריל 8, 2002

קוילן, און שפּעטער, ווי אַזוי די געטאָ־פּאָליציי האָט אַרעסטירט וויטענבערגן, דעם קאָמענדאַנט פֿון פֿפּ"אָ, און די פּאַרטיזאַנקע האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פֿון זייערע הענט. אַזעלכע העלדישע מענטשן דרייען זיך אַרום אויף די מאָנטרעאַלער גאַסן! פֿאַר וואָס קלינגט ניט די וועלט מיט זייערע העלדישע מעשׂים?

* * *

מיט דער צײַט האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס טאַטע־מאַמע, וואָס זיי אַליין האָבן ניט דורכגעמאַכט דעם חורבן, האָבן מיך געשלעפּט אויף אַזוי פֿיל אַזכּרות. און מיט דער צײַט האָב איך בעסער פֿאַרשטאַנען מיט וואָס דער נײַער יזכּור איז אַנדערש פֿונעם אַלטן.

1. אינעם אַלטן, טראַדיציאָנעלן, יזכּור, מעג מען אויסרעכענען בלויז די נעמען פֿון די סאַמע נאָענטסטע. אויף דער נײַער אַזכּרה, דווקא דערפֿאַר וואָס אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך, ווילט זיך זייער דערמאָנען **אַלע** נעמען. און דערפֿון נעמט זיך אַהרן צײַטלינס ליד. אַנשטאָט אויסצורעכענען די נעמען פֿון זײַנע נאָענטסטע, אָנהייבנדיק מיטן טאַטן זײַנעם, דעם קדוש הלל צײַטלין, וואָס ער איז געגאַנגען צום אומשלאַג אָנגעטאָן אין טלית־און־תּפֿילין, שרײַבט ער אָן אַ ליד וואָס באַשטייט דורכויס פֿון נעמען פֿון די ייִדישע קינדער. כאָטש די רשימה איז ווײַט ניט קיין אויסשעפּיקע, פֿאַרשטייען מיר אַז **קיינער** איז ניט בכּוח אָנצושרײַבן אַ ליד וואָס זאָל דערמאָנען די נעמען פֿון אָנדערהאַלבן מיליאָן אויסגעהרגעטע ייִדישע קינדער.

2. אינעם אַלטן, אָנגענומענעם יזכּור, ווערט ניט דערמאָנט קיין ספּעציפֿישע לאַנדשאַפֿט. מיר בעטן גאָט אַז די נשמה זאָל אָנקומען אין הימל „תּחת כּנפֿי השכינה". און שוין. ווי אַנדערשט די שכינה קומט צום אויסדרוק בײַ די לאַנדסלײַט! בײַ די לאַנדסלײַט איז דער סאַמע עיקר פֿון ריטואַל צו דערמאָנען די פֿאַרשווונדענע־פֿאַרשוואונדטע לאַנדשאַפֿט, די ייִדן־שטאָט אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, די פֿאַרשיידענע געטאָ־מויערן. אַלע גאַסן, געסלעך און זאַוווּליקעס זײַנען אײַנגעקריצט אין זכּרון. יאָ, בײַ די לאַנדסלײַט האָב איך פֿון קינדווײַז זיך אויסגעלערנט אַז איטלעכע געטאָ־לאַנדשאַפֿט איז אייגן־מיניק. ביאַליסטאָק איז אַנדערש פֿון ווילנע. וואַרשע איז גאָר אַנדערש פֿון לאָדזש.

3. בײַם זאָגן יזכּור אין שיל דערמאָנט מען ניט קיין דאַטעס; אויף דער נײַער אַזכּרה זענען דאַטעס זייער חשובֿ. אויגוסט איז ניט סעפּטעמבער. סעפּטעמבער איז ניט אַפּריל. און אויב די בונדיסטן האָבן זיך אײַנגעעקשנט, צו האַלטן די אַזכּרה דווקא צום יאָרטאָג פֿונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿ־



קעמפֿער פֿון [illegible]
מאַן, צבֿיה ליובעטקין, מרדכי טענענבוים־טמרוף, אַדאָפּטירט דעם מיטליערדיקן העברעיִש־ייִדישן פּאָעט, יצחק קאַצענעלסאָן?

פֿאַר וואָס, אַ שטייגער, האָט אַ גרויסער טייל פֿון ראָזענבערג־שטאַב אין ווילנער געטאָ, די אַ"ג „פּאַפּיר־בריגאַדע", זיך אָנגעשלאָסן אין פֿפּ"אָ?

כּדי צו פֿאַרענטפֿערן אָט־די האַרבע קשיות, פֿאַרבעטן מיר עמעצן צו רעדן, אָדער אַ פּערזענלעכקייט, אָדער אַן היסטאָריקער, אָדער אַ לעבעדיקן עדות, אַז ער אָדער זי זאָלן דערציילן וועגן געטאָ, וועגן וואַלד, וועגן לאַגער, אַלץ איינס פֿון וואָסער קוקווינקל. מיר ווילן וואָס מערער פֿאַרשטיין.

* * *

טײַערע לאַנדסלײַט! מיר, די לעבן־געבליבענע, מיר דער פֿאַריתומטער נאָכוווּקס, מיר האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיטן אַלטן יזכּור. מיר האָבן אינסטינקטיוו פֿאַרשטאַנען, אַז סע פֿאָדערט זיך אַ נײַער ריטואַל. אַ ריטואַל וואָס זאָל דערמאָנען די נעמען פֿון אונדזערע אומצאָליקע קדושים; וואָס זאָל באַשרײַבן זייער לאַנדשאַפֿט, וואָס זאָל פֿאַרצייכענען זייערע טראַגישע דאַטעס, וואָס זאָל אויסדריקן זייער פּראָטעסט קעגן גאָט, און וואָס זאָל פֿרויען **באַלעבן** זייער **לעבן** ערבֿ דעם סוף.

מיר פֿאַרזאַמלען זיך אַלע יאָר אויף זייער קאָלעקטיוון יאָרצײַט, כּדי כאָטש אויף איין רגע בלויז צו הערן זייער קול, צו פֿילן זייער וואַרעמקייט, צו זען זייערע ליכטיקע געשטאַלטן. און מיר ריכטן אָפּ דעם יזכּור דווקא אויף ייִדיש, ניט נאָר ווײַל אויף ייִדיש איז בעסער זיך אויסצוּוויינען ווי אויף אַנדערע שפּראַכן; ניט נאָר ווײַל אויף ייִדיש איז גרינגער זיך אויסצוטענהן מיט גאָט; נאָר אויך דערפֿאַר וואָס אויף ייִדיש פֿאַרמאָגן מיר אַ לעקסיקאָן פֿון פּײַן און גבֿורה, אַ ליטעראַטור פֿון אומקום און אויסדויער. טאָמער אונדז פּערזענלעך פֿעלן די געהעריקע אויסדרוק־מיטלען, קענען מיר אָנקומען צו אונדזערע מקוננים –

צו קאַצענעלסאָן און שאַיעוויטש;
צו הירש גליק און, אים צו לענגערע יאָר, אַבֿרהם סוצקעווער,
צו אַהרן צײַטלין און ה. לייוויק;
צו יעקבֿ גלאַטשטיין און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

אַ דאַנק אונדזערע ייִדישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס האָבן מיר וואָס צו זינגען און וואָס צו קלאָגן.

אַ דאַנק שאַיעוויטשן, לייענען מיר אַ נײַע פּרשת „לך־לך".

אַ דאַנק סוצקעווערן, זינגען מיר אַ נײַ קאַפּיטל תּהלים.

און אַ דאַנק קאַצענעלסאָן, טוען מיר אויס די שיך און מיר גיסן אויס אונדזער צער און צאָרן אין אַ נײַעם ספֿר איכה. □